QUALITY - SERVICE - PRICE
That's all you ask for,
and that's exactly what you get!
Blinds Unlimited
782-9535
אהרן דוד רובינשטיין

ב"ה
קרית יואל בולעטין
הערט פריי ארויסגעשיקט פאר קרית יואל איינוואוינער
25¢
Kiryas Yoel Bulletin
May 15 · Vol. 22 #16 · מוצש"ק בהר-בחקותי - תשס"ד

S&L PAINTING
845-783-2570
שלום יוסף לעווינגער
Residential Commercial Interior Exterior




# שטארקע אפקלאנג אין שטאט פון פסק דין פון הגאב"ד והומ"ץ שליט"א איבער שייטלעך שערורי'

—קרית יואל ווייזגעטע באריכט פון אנגייענדע שייטלען שערורי'

גייענדיג צום דרוק איז אנגעקומען די ידיעה אז הערשט איז ארויסגעקומען דער "הוות דעת תורה ופסק הלכה" פון כ"ק הגאב"ד ור"מ שליט"א מיט הגאון האדיר הדומ"ץ שליט"א איבער די "יומען העיר" שייטלעך.

אין דעם פסק דאטירט היינט ה' לסדר בה"ב ווערט ארויסגעברענגט אז נאכן איבערשמועסן דאס ענין מיט הגאון האדיר ר' מאיר בראנדסדארפער שליט"א חבר הביד"ץ איז קלאר נתברר געווארן אז די שייטלעך וואס קומען פון אינדיען האט דערין תקרובת ע"ז

און עס איז אסור צו גיין דערמיט, דעריבער כל זמן עס איז נישט נתברר געווארן אז אלע שייטלעך וואס האט אין זיך מענטשליכע האר זענען ריין פון דעם פראבלעם איז אסור צו גיין מיט די שייטלען.

די הרדי'שע וועלט שטורעמט אין די טעג מיט די שערורי' וואס איז צושטאנד געקומען נאכדעם וואס די גדולי ומאורי הדור חברי הביד"צ בירושלים עיה"ק שליט"א האבן אויפגעדעקט און באשטעטיגט אז אויף די "יומען העיר" שייטלען איז דא אן ערענסטער חשש פון "תקרובת עבודה זרה" וואס איז אסור בהנאה להלכה ולמעשה.

די הלכה פון "עבודה זרה" און דער חומר הענין וואס ווערט אין אלגעמיין באטראכט ווי א "הילכתא למשיחא", און ווייניג קומט אויס פאר ערליכע אידן זיך אנצושטויסן אין אזא

(פארזעצונג אויף זייט 37)

## שטארקע אפקלאנג אין שטאט פון פסק דין פון הגאב״ד ודומ״ץ שליט״א איבער שייטלעך שערורי׳

- קרית יואל ווייניגסטע באריכט פון אנגייענדע שייטלען שערורי׳

(פארזעצונג פון זייט 1)

סארט שאלה, וואס זאל אזוי פערזענליך בארירן אין טויזענטער שטובער פון שומרי תורה ומצוות, האט פאראורזאכט א וועלטס איבערקערעניש, ווען אידן פון אלע שיכטן און קרייזן זענען פארנומען מיט ביעור חמץ און מען האלט אין איין פראווען ׳הדלקות׳ מיטן מבער זיין די עבודה זרה פון אידישע הייזער.

ביי אונז אין קרית יואל האט די מהפיכה ב״ה געמאכט דעם קלענסטן רושם, צוליב דעם פריידיגן מציאות אז קרית יואל איז דער ישוב וואס איז אמווייניגסטנס נכשל געווארן ביז היינט פון די ״עבודה זרה״.

אין א שמועס מיט די חשוב׳ע עסקנים וואס זענען עומד על משמרת הצניעות במחנינו געבן זיי איבער דעם קלארן פאקט אז גאנצע זעכציג פראצענט פרויען תושבי קרית יואל גייען אנגעטון מיט א כיסוי הראש וואס איז 100% אויסגעהאלטן לויט אלע דיעות, און געגוי ווי עס איז געווען רצון קדשו פון רבינו הקדוש זי״ע מייסד הקריי״ וואס ווי פארשטענדליך זענען זיי אלע נישט נכשל געווען אין דעם הארבן ענין.

עס זענען דא בערך 30% וואס גייען מיט קורצע-פאלשע שייטלעך, וואס קענען מעגליך זיין געמישט מיט מענטשליכע האר, אדער אינגאנצן צוגעדעקטע שייטלען, און בלויז בערך 10% ווייבער פון קרית יואל גייען מיט פריצות׳דיגע אומאויסגעהאלטענע שייטלעך, וואס טייל פון די איז איצט אונטער דעם פראבלעם פון ״תקרובות עבודה זרה״.

רעדענדיג צו אידן וואס האבן זיך געווייקט בבית מדרשו של רבינו הק׳ זי״ע און פלעגן פארגיסן טייכן טרערן הערענדיג דעם רבי׳נס בכיות ביי די הייליגע ״כל נדרי״ דרשות ווען עס האט שופך דמעות געווען כנחל ווען ער האט זיך געוואנדן צו די עזרת נשים פארפירענדיג אז מען זאל גיין מיט א צניעות׳דיגן כיסוי הראש און אוועקווארפן די פריצות׳דיגע שייטלעך - אין די צייט וואס געוויסע אדמורי״ם מנהיגים האבן געהאלטן אז ׳דאס איז נישט קיין טעמע פארן הייליגן טאג׳, און איז בכלל נישט אזא וויכטיגע נושא מיט וואס א רבי דארף זיך אפגעבן - זאגן זיי איצט ״כמה גדולים דברי חכמים״.

דער רבי האט זיין הייליגע עדה שטארק באהיטן פון דעם פראבלעם, און דער צדיק וואס כל ימיו האט ער אזויפיל לוחם געווען אויסצורייסן די עבודה זרה פון כלל ישראל, די ע״ז הציוני, האט אויך געארבעט אויסצורייסן די פריצות׳דיגע שייטלען, וואס ווי עס שטעלט זיך איצט ארויס איז דאס אויך עבודה זרה ממש!

דער פאקט איז קלאר, עס איז נישטא א קהלה איבערן כדור הארץ (חוץ די אפגעהיטענע ערליכע קהילות בירושלים עיה״ק וואס פירן זיך אינגאנצן לויט די אמאליגע פארשריפטן און תקנות פון די גדולי וצדיקי ירושלים) וואס זאל אזוי ווייניג באריט ווערן פון די מהפיכה ווי די תלמידים וחסידים פון רבינו הק׳ זי״ע בכלל, און די הייליגע שטאט קרית יואל בפרט.

לחומר הנושא האט כ״ק הגאב״ד שליט״א אינאיינעם מיט הגאון האדיר דומ״ץ דמתא שליט״א זיך אוועקגעזעצט דן זיין איבער דעם ענין, און זיך געשטעלט אין נאנטן קאנטאקט מיט די גדולי הרבנים וואס האבן גובה עדות געווען איבער דעם גאנצן ענין, און זיי האבן נושא ונותן געווען ווי אזוי ארויסצוגעבן א קלארע הוראה הלכה למעשה איבער דעם ענין, וואס איז נוגע פארן מיעוט אין קרית יואל וואס זענען נאך געגאנגען מיט געמישטע אדער אינגאנצן מענטשליכע האר שייטלען. ווי אויך צוליב די אנפראגעס פון די שטאט און איבער די גאנצע וועלט וואס האבן זיך געוואנדן צום רב שליט״א ערווארטענדיג א הוראה ברורה לדעת הדרך ילכו בה והמעשה אשר יעשון.

און דאן איז ארויסגעקומען דער קלארער אומצווייפלטיגער פסק הלכה, אז ״לכן אין לבת ישראל ללבוש שום מין פאה נכרית הנעשה משערות בני אדם, שלא נתברר בבירורות גמור על אותה הפאה נכרית שאין בה שום תערובות מאותן השערות שמקורם מארץ הודו״.

א חשוב׳ער עסקן א מעמבער אינעם ״וועד משמרת מחנינו״ גיט איבער פארן ״דער בולעטין״: דער פריידיגער מציאות איז אז דער מצב הצניעות אין קרית יואל ווערט ב״ה נשתנה למעליותא פון וואך צו וואך, אינעם פארגאנגענעם יאר אליין האבן זיך איבער דרייסיג נשים צדקניות פארבעסערט דעם לבוש, טראצדעם וואס עס איז אנגעקומען שווער און אומבאקוועם, האפענטליך וועט די שרעקליכע אויפדעקונג אז דאס גיין אין ״יומען העיר״ שייטלעך איז גאר געווען א שרעקליכער דורכפאל אין אזא הארבער ענין פון עבודה זרה בשוגג, וועט דאס צוהעלפן אז מען זאל נישט ווייטער זוכן אזעלכע סארט שייטלעך, נאר זיך פארבעסערן דעם לבוש אויף א העכערן שטייגער אין צניעות בכלל״.

לית נהורא אלא דנפיק מגוי חשוכא, טאקע דעמאלטס ווען אנדערע ספראוען זיך מיט אזעלכע פראבלעמען שיינט ארויס די שיינקייט און הייליגקייט פון קרית יואל מיט איר פולסטן פראכט.

דער אפענער בירור הלכה האט געהאט א שטארקן אפקלאנג ביים יהדות החרדית.

ב״ה
קרית יואל
בולעטין
Kiryas Yoel Bulletin
העדיט פריי ארויסגעשיקט פאר קרית יואל איינוואוינער
25¢
May 15 · Vol. 22 #16 · מוצש״ק בהר-בחקותי - תשס״ד

# פסק הלכה

## מאת מרן הגאב"ד והדומ"ץ שליט"א

אהרן טייטלבוים
רב ור"מ דק"ק
קרית יואל והגלילות
יצ"ו

*RABBI ARON TEITELBAUM*
*5 Sanz Ct. Kiryas Yoel*
*Monroe, N.Y. 10950*
*Tel. (845) 783-0994-5*

ב"ה

החיים והשלום אל מע"כ תושבי עירנו ק"ק קרית יואל יע"א

הנה כבר נודע דעת אבותה"ק ורבותינו הקי שאסרו ללבוש פאה נכרית (שייטל), והכי נהגו אלפי בנות ישראל החרדים לדבר ה' שאין לובשות שום פאה נכרית כדברי הפוסקים שפאה נכרית אסורה לגמרי.

וכעת נתעורר ע"י הגאון הראב"ד עיה"ק ירושלים ת"ו שליט"א שמלבד האמור יש בהפאה נכרית הבאים מארץ הודו (אינדיע) משום תקרובת ע"ז, ואחר שדברתי בבירור הפרטים עם הגאון רבי מאיר בראנסדארפער שליט"א חבר הביד"צ, הנני בזה להודיע דע"ת לכל אנ"ש שיחיו כדלהלן:

אותם הפאה נכרית הבאים מארץ הודו יש בהם דין תקרובת ע"ז ואסור לבת ישראל ללובשן ואסורים בהנאה.

ולכן אין לבת ישראל ללבוש שום מין פאה נכרית הנעשה משערות בנ"א, שלא נתברר בבירורות גמור על אותה הפאה נכרית שאין בה שום תערובות מאותן השערות שמקורם מארץ הודו.

ובזכות שמירת דת קדשינו הרחמן הוא ישרה שכינתו בינינו, ולא ידבק בידינו מאומה מן החרם וגו', והשי"ת יגדור פירצות עמו בית ישראל בביאת גואלינו בב"א.

הכו"ח היום ה' לסדר בה"ב שנת תשס"ד לפ"ק

# דעת תורה

## אין אידישע איבערזעצונג

מכ"ק מרן גאב"ד שליט"א
והגאון הדומ"ץ שליט"א

ב"ה

לכבוד די איינוואוינער פון אונזער הייליג שטעטל קרית יואל יע"א

עס איז שוין לאנג באוואוסט דער דעת תורה פון אונזערע הייליגע עלטערן און אונזערע הייליגע רבי'ס וואס זיי האבן גע'אסר'ט אנצוטוהן א שייטל, און אזוי פירן זיך טויזענטער ערליכע אידישע טעכטער אז זיי טוען נישט אן קיין שום שייטל, ווי עס לויטעט די רייד פון די פוסקים אז א שייטל איז גענצליך אסור.

און יעצט איז מען נתעורר געווארן דורך הגאון הראב"ד עיה"ק ירושלים ת"ו שליט"א, אז אויסער דאס אויבנדערמאנטע, איז פארהאן אין די שייטלען וואס קומען פון אינדיע דעם פראבלעם אז דאס ווערט באנוצט צו דינען דערמיט עבודה זרה, און נאכדעם וואס איך האב איבער גערעדט די אויספירליכע פרטים מיט הגאון רבי מאיר בראנסדארפער שליט"א חבר הביד"צ, וויל איך דא מודיע זיין דעם דעת תורה פאר אלע אנשי שלומינו שיחיו, ווי פאלגענד.

די שייטלען וואס קומען פון אינדיע האבן א דין פון תקרובת עבודה זרה, און ס'איז אסור פאר א אידישע טאכטער זיי אנצטוהן, און ס'איז אסור הנאה צו האבן פון דעם.

צוליב דעם זאל א אידישע טאכטער נישט אנטוהן קיין שום סארט שייטל וואס ווערט געמאכט מיט מענטשליך האר, וואס עס איז נישט קלאר פעסטגעשטעלט אויף דעם שייטל, אז עס ענטהאלט נישט אין זיך קיין שום געמישעכץ פון די אויבנדערמאנטע סארט האר וואס שטאמט פון אינדיע.

און אין זכות פון אפהיטן אונזער הייליגע הלכה, זאל דער אייבערשטער מאכן דוען די שכינה צווישן אונז, און ס'זאל נישט ווערן באהאפטן אין אונזערע הענט גארנישט פונעם אומווערדיקייט, און דער אייבערשטער זאל אייגצוימען די פירצות פון אידישן פאלק בביאת גואלינו בב"א.

הכו"ח היום ה' פרשת בה"ב (ל"ז למב"י) שנת תשס"ד לפ"ק

**הק' אהרן טייטלבוים**

# וועד משמרת מחנינו

שע"י קהל יטב לב - קרית יואל יצ"ו

ADDRESS: . 5 VAN BUREN DR. # 111 . MONROE, N.Y. 10950. TEL. (845) 427-7568 / FAX. 782-4162


ב"ה

# ובערת הרע מקרבך!

לויטן פסק הלכה פונעם רב שליט"א און דיין שליט"א

## איז דא א איסור פון "עבודה זרה" ר"ל

## צו גיין מיט א "יומען העיר שייטל"

## אדער א "בלענדעט שייטל"

וויילאנג מען איז נישט 100% זיכער אז דאס קומט נישט פון אינדיע"ן העי"ר

דאס איז אויסער דעם דעת קדשו פון רבותינו הקדושים זי"ע אז קיין "שום שייטל" איז נישט אויסגעהאלטן פאר א אידישע טאכטער

---

## חשובע אידישע טעכטער תחי' !

לאמיר אריינטראכטן אינעם מצב!, שוין יארן לאנג וואס די רבנים שרייען מען זאל נישט אנטועז קיין שייטלען, דערנאך ווען עס איז ארויסגעקומען די יומע"ן העי"ר שייטלען איז ווידער דאס גע'אסרט געווארן דורך אלע גדולי ישראל אן אויסנאם, ליידער האט מען נישט זיך צוגעהערט צום דעת תורה פון די רבנים שליט"א, דעריבער איז ארויסגעקומען אזא שרעקליכן מכשול אז שוין צענדליגער יאר זענען ליידער אידישע טעכטער נכשל געווארן באיסור עבודה זרה רח"ל.

## איצט איז די ריכטיגע צייט זיך צוריק צוקערן צום וועג פון אונזערע עלטערן, און אוועקווארפן אלע שייטלען!

---

## אפשר איז דאס א ווינק פון הימל...?

נ.ב. מען זאל זיכער מאכן אז ווען מען טוט אן א "טיכל" אדער א "טורבאן". אז די האר זאל זיך ח"ו נישט ארויסשטעקן.

# טייערע נשים צדקניות וועקט אייך אויף!!

אין ארץ ישראל האבן טויזנטער חרדישע פרויען אוועקגעווארפן זייערע שייטלען
צוליב די שוידערליכע אויפדעקונג אז די שייטלען שטאמען

## פון האר וואס מ'האט מקריב געווען פאר די עבודה זרה ר"ל

אויפן פסק פון הגאון הגדול רבי משה שטערנבוך שליט"א ראב"ד העדה החרדית
און נאך גדולי ישראל שליט"א האבן ערליכע פרויען ספאנטאן

# אוועקגעווארפן די גע'אסר'טע שייטלען און געביטן דעם לבוש צו טיכלעך

## לאמיר געדענקען רצון קדשו פון הייליגן רבי'ן זי"ע!

ווי ווייט עס איז אים געגאנגען בנפשו

# אז אין די שטובער פון זיינע תלמידים וחסידים זאל מען נישט גיין געקליידעט מיט שייטלען!

כפי הוראת הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע און אנדערע קדושי עליון זי"ע

## אויף תושבי קרית יואל ליגט א ספעציעלן פליכט מקדש זיין שם שמים און זיך פירן אויפן דרך פון רבינו הקדוש זי"ע דער מייסד פון אונזער קרי'.

אצינד אז ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז עבירה גוררת עבירה, מען איז ליידער געשטרויכלט געווארן מיט אזא הארבע עבירה פון תקרובת עבודה זרה, לאמיר דאס אננעמען אלס א ווינק פון הימל אז ס'איז שוין די העכסטע צייט צו פארווירקליכן דעם "ואל תטוש תורת אמך" און ממאס זיין אין די אלע פריצות'דיגע שייטלען און מלבושים וועלכע זענען ליידער מכשיל אנדערע אידן מיט הארבע עבירות ר"ל.

## לאמיר אוועקווארפן די גע'אסר'טע שייטלען און זיין א מוסטער פאר אונזערע קינדער און אייניקלעך פונקט ווי אונזערע עלטערן און באבעס זענען געווען א מוסטער פאר אונז.

# והי' מחנינו קדוש

המעוררים